גוט שבת אלע אידן. די מעשה איז געשען מיט עטליכע 80 יאר צוריק אין ירושלים. אזוי ווי עס איז באקאנט, דאס וועטער אין ירושלים קען ווערן גאר הייס אין זומער. איין טאג אין די זומער טעג איז געווען א גרויסער היץ. דער טעמפעראטור האט זיך דערגרייכט צו 110 דעגריס! דער היץ האט געדויערט אפאר טעג. עס איז געווען אזוי שטארק הייס אז די שטאט האט אפילו געלייגט סיינס ארום די שטאט וואס האבן אנגעווארענט דעם עולם אז מען זאל נישט ארויסגיין אויפן גאס ללא לצורך און מען זאל זיין זיכער צו טרינקען גענוג וואסער כדי נישט צו ווערן דיהיידרייטעד , דער אויבערשטער זאל אפהיטן.

די הייליגע שבת איז געקומען, אבער דער היץ איז נאכאלץ שטארק געבליבן. עס איז געווען אזוי הייס אז עס איז נישט געווען כמעט קיינער נישט אויפן גאס צוליב דער סכנה.

אין יענע טעג איז געווען א מגיד אין ירושלים וואס האט געהייסן ר' נאטע ווייס. ר' נאטע איז געווען גאר באליבט צווישן די ירושלמי אידן. ער פלעגט רעדן יעדע וואך שבת נאכמיטאג. ער האט גערעדט מיט א ברען און א געפיל. פארשטייט זיך אז וועגן דעם איז ער געווארן גאר א באליבטער רעדנער. זיין דברי חיזוק האט מעורר געווען אסאך אידן דורך די יארן. זיינע דרשות זענען געווען אזוי באליבט אז מענטשן פלעגן קומען פון ווייטענס אין שבת קודש צו הערן די דברי התעוררות. די דרשות זענען געווארן דעם "עונג שבת" פאר א גרויסן עולם!

אבער, יענער וואך שבת, ווען די זון האט געברענט אזוי שטארק, איז דער עולם נישט געקומען צו דער דרשה. ווען ר' נאטע איז אנגעקומען 3 אזייגער שבת נאכמיטאג צו יענער בית מדרש האט ער נישט געטראפן קיין איין איינציגען מענטש דארט! דער עולם איז נישט געקומען צוליב דעם גרויסן היץ.

ר' נאטע האט געווארט א שטיק צייט צו זען אויב עס וועט קומען עמיצן צו הערן די דרשה. אבער, ער האט געווארט עטליכע מינוט און קיינער איז נישט געקומען.

ר' נאטע האט זיך מיישב געווען אז ער וויל רעדן, אפילו צו א ליידיגער בית מדרש, ווייל... א מנהג איז א מנהג! ער איז געגאנגען ארויף די פאר טרעפן צו דעם ארון קודש און ער האט מסדר געווען זיין שטריימל אויף זיין קאפ. און דאן האט ער אנגעהויבן צו רעדן.

ביים אנהייב האט עס געשפירט אביסל מאדנע צו רעדן צו א גרופע ליידיגע בענקלעך. אבער צוביסלעך איז ער נתעורר געווארן און דאן האט ער אנגעהויבן צו רעדן מיט דעם ברען וואס דער עולם האט יעדע וואך אזוי שטארק ליב געהאט. זיין שטארקע קול האט ממש געשאקעלט דעם ליידיגע שול אין דעם שערי חסד געגענט פון ירושלים.

טאמער איינער וואלט דורכגעגאנגען דעמאלט אויפן גאס, וואלט ער קיינמאל נישט געגלייבט אז ר' נאטע רעדט צו א ליידיגע שול.

45 מינוט שפעטער נאכדעם וואס ער האט אנגהויבן צו רעדן, האט ער געענדיגט זיין דרשה אויף תשובה. ער איז אוועקגעגאנגען פון דעם ארון קודש, גרייטענדיק ארויסצוגיין פונעם שול. פלוצלינג האט ער געהערט אן אינטערעסאנטען קול פון אויבן. וואס איז עס?!? האט ער געטראכט פאר זיך.

פאר מיר גיין ענדיגען די מעשה, לאמיר אביסל רעדן וועגן ענינים אין די פרשה וואס האבן א שייכות צו דער מעשה. דער ציל פון א מגיד איז צו מעורר זיין די צוהערערס צו טון תשובה און זיך צו פארבעסערן אין עבודת ה'. יעצט אין די מסוגלדיגע ספירה טעג האט מען א באזונדערע געלעגנהייט זיך צו פארבעסערן פאר קבלת התורה.

זאגען די ספרים הקדושים אז א איד זאל זיך שטרעבען צו מדמה זיין צו דעם אויבערשטער'ס מידות. אזוי ווי עס איז מרומז על פי קבלה אז "אדם" איז א לשון פון "אדמה לעליון", ד"ה זיך צוגלייכן צום אויבערשטען. די פרשה רעדט פון די בחינה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, "והתקדשתם והייתם קדושים כי קדוש אני וגו'." – און איר זאלט זיך מאכן הייליג, און דעמאלט וועט איר ווערן ממש הייליג, ווייל "איך בין הייליג" – זאגט דער אויבערשטער. (יקרא יא,מד) פון דא זעט מען אז מען דארף זיך מדמה זיין צו דעם אויבערשטענ'ס מידות. ווייל די סיבה וואס די תורה גיבט אז מיר זאלן ווערן הייליג איז ווייל דער אויבערשטער אליינס איז הייליג. איז לאמיר יעצט ענדיגען די מעשה וואס ווייזט ווי דער מגיד האט געוואלט העלפן אידן טון תשובה און ווערן הייליג אזוי ווי דער באשעפער.

פלוצלינג האט ר' נאטע געהערט א קול פון אויבען אין די עזרת נשים. א איד האט געשריגן "בסדר, איך גיי תשובה טון! איך זאג צו אז איך וויל פרובירן מיך צו פארבעסערן!"

ר' נאטע איז געווארן ערשטוינט. ער האט ארויפגעקוקט צו דער עזרת נשים וואו ער האט דערזען א אינגערמאן וואס האט אויסגעקוקט ווי ער איז געשלאפן אין די עזרת נשים.

דער אינגערמאן האט נעבעך געהאט לעצטענס א ירידה אין זיין לערנען און אין זיין עבודת ה', ל"ע. ער איז געקומען צו יענעם שול וואו ר' נאטע האט גערעדט, כדי צו קענען חאפן א דרימעל שבת נאכמיטאג, נישט וויסענדיג אז ר' נאטע גייט רעדן. פלוצלינג אין מיטן זיין שבת מנוחה, איז דער אינגערמאן אויפגעוועקט געווארן ממש דורך ר' נאטע'ס ווערטער. און דורך דעם איז ער געווארן אן עכטער בעל תשובה!

נישט קיין ווארט איז פארפאלן! **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפואה שלימה של עמרם בן לאה, שאשא מלכה בת גאלדא, מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא, ודוב בן רחל בתוך שאר חולי ישראל
**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:)**
לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למחבר וכותב מתתי' וואלפבערג 3234-362 (845)

**גוט שבת אלע אידן.** דורך די שרעקליכע מלחמה יארן האבן יעקב האף און זיין רביצן פערל זיך באהאלטן פון די דייטשע רשעים אין שטאט נייטרא אין א באנקער. די אריינגאנג פון דעם באנקער איז געווען באהאלטן דורך א מאנטל שראנק אין א דירה וואס האט באלאנגט צו גוים. דער גוי, דער "בעל אכסניה" פלעגט זיי געבען צו עסן און ער פלעג קעיר נעמען פון זיי. פארשטייט זיך אז דער גוי האט פארלאנגט א ריזיגע סכום געלט פאר אלעס. דורך דעם, האבן ר' יעקב און זיין רביצן געקענט זיך באהאלטן פון די שונאי ישראל.

איין זונטאג, איז די פרוי פון דעם גוי'אישען בעל אכסניה צוריקגעקומען פון דעם טיפלע. די פרוי איז געווען איבערגענומען מיט שינאה קעגען די אידן, ווייל דער גלח האט שטארק גערעדט קעגען אידן.

ר' יעקב מיט זיין רביצן האבן אלעס צוגעהערט פון אינטען בשעת די גוי'אישע פרוי האט נאכגעזאגט דעם גלח'ס ווערטער. "די אידן ליידען, וועגן זייערע 'עבירות' וואס זיי האבן געטון קעגען אונז! זיי באקומען וואס קומט זיי! יעדער איינער וואס העלפט די אידן דארפט געשטראפט ווערן פונקט אזוי ווי די אידן אליינס!" האט די גויטע גענדיגט נאכזאגן דעם גלח'ס ווערטער.

"איך גיי פארציילן פארן פאליציי וואס טוט זיך דא אין דעם באנקער!" האט די גויטע געזאגט מיט א פעסטקייט. דער מאן האט זיכער נישט מסכים געווען, נישט ווייל ער איז געווען א גרויסער צדיק, נאר ווייל ער האט פארדינט אסאך געלט דורך באהאלטן ר' יעקב און זיין ווייב. "אויב דו זאגסט איין ווארט וועגן די אידן," האט דער מאן אנגעווארענט זיין פרוי, "גיי איך דיך הרג'נען!" די גויטע איז געווארן שטיל, און דער גוי האט ווייטער באהאלטן ר' יעקב און זיין רביצן אין דעם באנקער.

אזוי ווי מען האט פריער דערמאנט, דער גוי האט פארלאנגט א גרויסע סומע געלט צו באהאלטן די האף משפחה. ר' יעקב האט געהאט א געציילטע סכום געלט אין דעם באנקער. פארשטייט זיך אז עס האט נישט גענומען לאנג ביז ר' יעקב האט כמעט אויסגענוצט אלע זיין געלט. דער מצב איז געווען שווער. אן געלט וועט דער גוי זיכער איבערגעבען די אידן צו די דייטשע.

עס איז דעמאלט געווען א איד א גביר וואס האט געהייסן דובערניק ווייס וואס האט זיך באהאלטן אין אן אנדערען באנקער אין נייטרא, נישט ווייט אוועק. דער גביר האט צוגעשטעלט גרויסע סומעס געלט פאר אידן וואס האבן עס געדארפט. ר' יעקב האט עס דורכגעשמועסט מיט זיין רביצן. איינער פון די צוויי האט געדארפט גיין צו יענעם גביר צו בעטן געלט, ווייל עס איז שוין געווען א מצב פון סכנת נפשות ממש! זיי האבן זיך מיישב געווען אז זי וועט האבן א בעסערע געלעגענהייט צו מצליח זיין. די מציאות איז פשוט געווען, אז א פרוי וועט קענען גרינגער גיין אויפן גאס ווי א מאן. ווייל כמעט אלע מענער זענען געווען דעמאלט אין מיליטער. און וועגן דעם וואלט ר' יעקב נישט געקענט ארומגיין אויף די גאסן וואס זענען געווען אנגעפילט מיט פאליציי און דייטשע סאלדאטן.

ר' יעקב'ס רביצן פערל האט געבארגט א גרויסען שאל פון דער גויטע, און זי האט עס געלייגט איבער אירע קאפ און אקסלען. זי האט זיך אויך אנגעטון אסאך צורונג למשל רינגלעך, און ארעמבענדער וכו', כדי זיך צו פארשטעלן ווי א ציגיינער (א "דזשיפסי" – א מין גוי). פערל האט זיך געזעגענט פון איר מאן און דאן איז זי ארויסגעגאנגען פון דעם הויז אויפן וועג צו דעם באנקער פון יענעם גביר.

ווען זי איז אנגעקומען צו דעם באנקער פונעם גביר האט זי דערזען ווי די געגענט איז געווען פיל מיט דייטשע סאלדאטן. זיי האבן ענטפלעקט דעם גביר'ס באהאלטענעם פלאץ! עס איז געווען צו שפעט צוריקצוקערן, ווייל עטליכע סאלדאטן האבן איר שוין געזען.

"זי איז אויך א אידן!" האט איינער פון די סאלדאטן אויסגערופן, ווייזענדיק מיט זיין האנט. דאן איז פערל נעבאך געשלעפט געווארן צו דעם פאליציי.

זיי האבן איר אריינגעברענגט אין דעם פאליציי און פארמאכט די אייזענע טיר. דאן האט א הויכער סאלדאט געפרעגט פערל: "ביסטו א איד?"

איר הארץ איז געלאפן. פארשטייט זיך אז זי איז געווען מורא'דיג דערשראקן, אבער זי האט געוואוסט אז זי טאר עס נישט ווייזן פאר זיי. זי האט שנעל געטראכט, און זי האט זיך דערמאנט וועגן וואס איר טאטע האט איר אויסגעלערנט אז מען טאר נישט מכחיש זיין אז מען איז א איד.

"וואס רעדט איר, איך בין א פשוטע דארפספרוי." דער סאלדאט האט איר נישט געגלייבט. ער האט אנגעקוקט אירע הענט וואס האבן אויסגעקוקט ווייך, אזוי ווי איינע וואס האט נישט געטון שווערע ארבעט אין אירע לעבן. "די הויט פון א דארפספרוי'ס הענט זענען נישט אזוי ווייך. דו ביסט א אידן!" האט ער געזאגט.

פערל האט געזאגט אז זי איז א ציגיינער. "וואס איז דיין נאמען?" האט דער דייטשער געפרעגט.

"יאלאשקע" האט זי גלייך געזאגט, נוצענדיג א עכט דארפספרויאישע נאמען.

"וואס האסטו געטון דעמאלטס אויפן גאס?" האט ער געפרעגט ווייטער.

"איך בין געקומען צו טרעפן מיין חברתה דא אין די געגענט." האט זי געזאגט מיט א זעכערקייט, נישט צו ווייזן די גרויסע מורא וואס זי האט געהאט. "וואו וואוינסטו?" "נאמבער 20 טאריסיאנסקע גאס." האט זי גלייך געענטפערט.

א סאלדאט האט איר געשלעפט צו יענע גאס (וואס איז געווען סתם אן אדרעס) צו זען אויב זי זאגט אמת. זי האט נישט געוואוסט וואס וועט זיין, זי האט יעצט איינגעשטעלט אירע לעבן, אירע משפחה'ס לעבן און אסאך אנדערע אידנ'ס לעבן אין סכנה. זי האט אפילו פרובירט צו געבען שוחד צו דעם סאלדאט מיט איר צורונג, אבער ער האט נישט געוואלט עס נעמען.

דער סאלדאט און פערל זענען כמעט אנגעקומען צו דעם אדרעס. "ביטע.... השם!" האט זי מתפלל געווען שטילערהייט, "העלפט מיר!" זי האט נישט געוואוסט פון וואו וועט קומען די ישועה, אבער זי האט געגלייבט אז דער אויבערשטער וועט העלפן.

פאר מיר גיין ענדיגען די מעשה, לאמיר אביסל רעדן פון עניינים פון די מעשה וואס האבן א שייכות צו דער פרשה. עס איז פארהאנען אין די פרשה עניינים וואס זענען שווער פאר אונז צו פארשטיין, למשל די וועג ווי אזוי דער כהן האט מטהר געווען דעם מצורע מיט די "שני תולעת ואזב" וכו'. אבער, אפילו מיר פארשטיין נישט ווי אזוי די פעולות קענען מטהר זיין א מענטש, דארפן מיר גלייבן באמונה שלימה אז אלעס איז 100% אמת. עס קומט אויס פון דא א געוואלדיגע מוסר השכל וואס איז שייך אין אונזערע טאג טעגליכע לעבן. ד"ה, מען דארף כסדר ארבעטן אויף אמונה און בטחון אין דעם באשעפער, ווייל דארט הייבט זיך אן דעם זיין א איד. איז לאמיר יעצט ענדיגען די מעשה וואס ווייזט ווי איין אידענע אין א שווערע מצב האט געגלייבט אין דעם רבונו של עולם באמונה שלימה.

דער סאלדאט און פערל זענען כמעט אנגעקומען צו דעם אדרעס. "ביטע... השם!" האט זי מתפלל געווען שטילערהייט, "העלפט מיר!" פלוצלינג האבן זיי געזען א פעדלער וואס איז געגאנגען אויפן גאס שטיפענדיק א קליינע וואגן פיל מיט פארשידענע זאכן צו פארקויפן. ווען דער פעדלער האט זיך דערנענטערט, האט ער אויסגערופן צו פערל זאגענדיק, "האלו, יאלאשקע. וואס טוסטו דא?"

"דו קענסט די פרוי?" האט דער סאלדאט געפרעגט.

"זיכער, איך קען איר." האט דער פעדלער געזאגט, "זי וואוינט אויף מיין גאס, נאמבער 20 טאריסיאנסקע!"

דער סאלדאט האט גלייך אפגעלאזט פערל און איז גלייך צוריקגעגאנגען צו דעם פאליציי. פערל האט זיך צוריקגעקערט צו דעם פעדלער אים צו באדאנקען פארן ראטעווען איר לעבן. אבער, דער פעדלער, וואס זי האט קיינמאל נישט געזען אין איר לעבן פאר דעם, איז פשוט נעלם געווארן! פערל האט ארומגעקוקט דעם גאס, אבער זי האט קיינעם נישט געזען! ער איז נעלם געווארן פונקט אזוי שנעל ווי ער איז פלוצלינג אנגעקומען. עס האט געדארפט זיין אליהו הנביא! דורך דעם זענען זי און איר מאן געראטעוועט געווארן פון יענער סכנה! **גוט שבת אלע אידן.**

<u>מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת הנחת התפילין של נכדו שלום נ"י, בנו של חתנו הרה"צ רבי אליעזר גאלדמאן שליט"א</u>

נתרם לרפואה שלימה של עמרם בן לאה, שאשא מלכה בת גאלדא, מרדכי מענדל בן ציפורה יוטא, ודוב בן רחל בתוך שאר חולי ישראל

**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו** (שבת קיח:)

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר להמחבר והכותב מתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)